1. **"שלא אכשל בדבר הלכה" — פסק אדער לימוד?** "טמא טהור, מותר אסור" קלינגט ווי ער גייט פסק'ענען. אבער דער מסקנא איז אז עס מיינט אין בית המדרש — ער זאל נישט מקבל זיין שמועות פאלש, ער זאל נישט נאכזאגן פאלשע זאכן אין דער סוגיא.

2. **"וישמחו בי חברי":** ער בעט אז ער זאל נישט מאכן א

טעות וואס דער עולם לאכט אפ פון אים. אדרבה, זיין לערנען זאל מתקבל זיין ביי זיינע חברים.

3. **"אל יכשלו חברי בדבר הלכה ואשמח בהם" — דאפעלטע תפילה:** אין בית המדרש קאכט זיך, מענטשן קריגן זיך, מענטשן קאמפעטן. די תפילה בעט פאר צוויי זאכן: (א) אז די חברים זאלן נישט נכשל ווערן, און (ב) אפילו אויב זיי ווערן נכשל, זאל ער זיך נישט פרייען דערפון.ביידע זענען אינקלודירט.

4. **פאראלעל צו מרחץ:** אזוי ווי אין מרחץ מאכט זיך אז מען ווערט פארברענט (פיזיש סכנה), אין בית המדרש מאכט זיך אז מען ווערט פארשעמט (גייסטיגע סכנה). דאס איז די "סכנה" פון בית המדרש וואס מען דארף מתפלל זיין דערויף.

5. **[דיגרעסיע: קאמפעטישן אין לערנען vs. סחורה]:** איינער וואס א גאנצן טאג אין בית המדרש איז זיין "פאן" געווען נישט שמחת התורה נאר שמחה פון אז דער חבר האט נכשל — ער גייט אויף פונקט ווי "יושבי קרנות." דער סוחר פרייט זיך אז ער האט מער געלט ווי דער חבר; דער לומד וואס פרייט זיך אז ער האט "געוואונען" א מחלוקת — איז דאס זעלבע. דערפאר דארף מען די תפילה "ואשמח בהם" — אז מיין שמחה זאל זיין א שמחה פון תורה, נישט פון קאמפעטישן.

---

**הלכה: ברכת הודאה ביים ארויסגיין פון בית המדרש**

**דער רמב"ם'ס ווערטער: "מודים אנחנו לך ה' אלקינו ששמת חלקי מיושבי בית המדרש ולא שמת חלקי מיושבי קרנות."**

**פשט:** מען דאנקט דעם אייבערשטן אז מיין חלק אין לעבן איז צווישן די וואס זיצן אין בית המדרש, נישט צווישן די וואס זיצן ביי די עקן פון די גאס.

**חידושים:**

1. **"חלקי" — וואס מיינט דאס?** "חלקי" מיינט כפשוטו: מיין דזשאב, מיין חלק בחיים, מיין סטאטוס, מיין פלאץ וואו איך דריי מיך.

2. **"יושבי קרנות" — צוויי טייטשן:** (א) קיביצערס — מענטשן וואס זיצן ביי די עקן פון די גאס און פארברענגען אומזיסט. (ב) סוחרים — מענטשן וואס זענען עוסק אין משא ומתן, ווי דער פסוק "שיחי בי יושבי שער ונגינות שותי שכר." ביידע טייטשן זענען דערמאנט אויך אין הלכות קריאת התורה. **"יושבי קרנות" מיינט נישט ארבעטער וואס גייען ארבעטן** — דער איד וואס גייט ארויס פון בית המדרש גייט יא ארבעטן. "יושבי קרנות" מיינט מענטשן וואס **ארבעטן נישט** — זיי פארברענגען אנשטאט צו לערנען.

3. **"שאני משכים והם משכימים":** ביידע שטייען אויף פרי, ביידע ארבעטן שווער — "אני עמל והם עמלים." דער חילוק: "אני עמל ומקבל שכר, והם עמלים ואינם מקבלים שכר." דער וואס קומט אין כולל עלף אזייגער קען נישט זאגן "אני משכים" — מען מוז טאקע פרי אויפשטיין צו זאגן דאס.

4. **"אני רץ לחיי העולם הבא, והם רצים לבאר שחת":** "באר שחת" מיינט דאך גיהנום? דער רמב"ם אין סוף הלכות תשובה האט אויסגערעכנט אז "באר שחת" מיינט איבוד הנשמה. דער הסבר: קען זיין אז מענטשן וואס האבן נישט קיין דעת, קענען נישט האבן קיין חלק לעולם הבא — זייער נשמה גייט לאריבער.

---

**הלכה: הנכנס לכרך**

**דער רמב"ם'ס ווערטער: "הנכנס לכרך — יהי רצון מלפניך ה' אלוקינו שתכניסני לכרך זה לשלום", און ווען ער איז נכנס בשלום זאגט ער "מודה אני לפניך ה' אלוקינו שהכנסתני", כשיבקש לצאת בעט ער "שתוציאני מכרך זה לשלום", און ווען ער איז יצא בשלום זאגט ער א לענגערע הודאה: "מודה אני לפניך... שהוצאתני מכרך זה לשלום, וכשם שהוצאתני לשלום כן תוליכני לשלום ותסמכני לשלום ותצעידני לשלום ותצילני מכף אויב ואורב בדרך".**

**פשט:** ביי יעדע שטאפל פון רייזן צו א נייע שטאט — אריינגיין, זיין דארטן, ארויסגיין — איז דא סיי א בקשה פארויס און סיי א הודאה נאכדעם.

**חידושים:**

1. **"כרך" מיינט נישט זיין אייגענע שטאט**, נאר א **נייע שטאט** וואו ער טרעוולט אהין — פאר ביזנעס, פאר מארק, אדער צו מאכן חברים. דאס איז נישט דאס זעלבע ווי תפילת הדרך וואס גייט אויפ'ן וועג אליין — דא רעדט מען ספעציפיש וועגן דער **כניסה אין שטאט** אליין.

2. **דאס אריינגיין אין א שטאט איז געווען א "סטראגלדיגע זאך"** — מ'האט געדארפט דורכגיין אמבטיות (באדהייזער), פארשידענע שוועריגקייטן — דערפאר איז דאס אריינגיין אליין שוין א זאך וואס פאדערט תפילה.

---

**כללו של דבר — דער כלל פון תפילה און הודאה**

**דער רמב"ם'ס ווערטער: "כללו של דבר, לעולם יצעק אדם על העתיד לבוא, ויבקש רחמים, ויתן הודאה על שעבר, ויודה וישבח כפי כחו."**

**פשט:** דער כלל איז: א מענטש זאל אייביג שרייען/בעטן אויף דאס וואס קומט, און דאנקען אויף דאס וואס איז שוין געווען.

**חידושים:**

1. **"כפי כחו" — אייגענע לשון:** "כפי כחו" מיינט אז מ'קען נוצן **זיין אייגענע לשון** פאר די הודאה, נישט נאר דעם פארגעשריבענעם נוסח. דאס שטימט מיט וואס דער ערוך השולחן האט אויך געזאגט. אסאך פון די ברכות זענען אזעלכע "סאדזשעסטשענס" (הצעות) און מ'קען נוצן אייגענע ווערטער.

2. **צוויי זייטן פון יעדע געשעעניש: ביי דער זעלבער געשעעניש** זאל מען סיי צעקן (בקשה) סיי דאנקען (הודאה) — ווי מ'זעט קלאר ביי כרך, וואו ביי יעדע שטאפל איז דא סיי בקשה סיי הודאה. מ'קען אויך זאגן: "באשעפער, דו האסט מיר געהאלפן ביז יעצט — בעט איך דיר, העלף מיר ווייטער."

3. **דער כלל אלס אויסברייטערונג:** דער "כללו של דבר" מיינט נישט נאר די ספעציפישע קעיסעס וואס די גמרא האט אויפגערעכנט (בית המדרש, מרחץ, כרך), נאר **טויזנטער אנדערע זאכן** אין לעבן. ביי יעדע געשעעניש זאל מען זוכן צו דאנקען דעם אייבערשטן, אפילו ס'איז נישט קיין פארמעלע ברכה.

4. **הודאה vs. צעקה — חילוק:** דער רמב"ם רעדט דא ספעציפיש וועגן **הודאה על שעבר** (דאנקען אויף פארגאנגענהייט), נישט וועגן צעקה על להבא (בעטן אויף צוקונפט). דאס צעמישן פון ביידע — מודה זיין אויף להבא אדער צעקן אויף שעבר — איז א צעמישונג.

---

***כל המרבה להודות את ה'***

**דער רמב"ם'ס ווערטער: *"כל המרבה להודות את ה' ולשבחו תמיד — הרי זה משובח."***

**פשט:** ווער עס דאנקט מער דעם אייבערשטן איז לויבנסווערט.

**חידושים:**

1. **קיין סתירה צו תפילת שוא:** מ'האט פריער געלערנט וועגן תפילת שוא און מ'קען אביסל אפגעשראקן ווערן פון צו פיל זאגן. דער רמב"ם זאגט אבער אז תפילת שוא איז א **קליינע דעטאל**, און די **גרעסערע פיקטשער** איז אז ווי מער מ'דאנקט דעם אייבערשטן איז בעסער.

2. **פארוואס "הודות" און נישט "לצעוק"?** דער לשון "משובח" פאסט נאר צו הודאה — ווייל ער איז משבח (לויבט) איז ער אליין משובח (לויבנסווערט). ביי צעקה וואלט מען נישט געקענט זאגן אזא לשון. דער פשטות איז אז "משובח" מיינט **ראוי לעשות כן** — עס איז לויט דער הלכה ראוי.

---

***כשם שמברך על הרעה כך מברך על הטובה — קורצע דערמאנונג***

**חידוש:** דער רמב"ם האט געווארנט אז "כשם שמברך על הרעה כך מברך על הטובה" מיינט אז **לגבי איין ענין** דארף זיין "כך" — דאס הייסט **בלב שלם** — אבער דער **נוסח** (די ווערטער פון דער ברכה) דארף זיין אן **אנדערע**. דאס הייסט, דער גלייכקייט איז אין דער כוונה און הארציגקייט, נישט אין דעם טעקסט.

---

## תמלול מלא

**הלכות ברכות פרק י' — ברכות אחרות: תפילת הדרך, שהחיינו, והטוב והמטיב**

**הקדמה: תפילת הדרך ואחריות ביים דרייוון**

אונז לערנען הלכות ברכות פרק יו"ד. הלכות ברכות פרק יו"ד.

פאר מיר גייען צו די שיעור, האב איך געוואלט זאגן א וויכטיגע זאך אזוי. קודם כל, אונז האלטן אינמיטן א קאמפיין פאר די בית המדרש וואו אונז לערנען די שיעורים, בית המדרש עין למחשבה. איך וועל שוין צוריקקומען צו דעם.

אבער איך האב געוואלט זאגן אזוי: היינט פרייטאג, ערב שבת קודש פרשת בהעלותך, איז געווען דריי עקסידענטס אין בארא פארק, און אין איינס פון זיי איז א בחור זייער ערנסט געשעדיגט געווארן. דער אייבערשטער זאל אים שיקן א רפואה שלימה, און מיר זאלן מתפלל זיין אויף אים.

אין די פרק לערנען אונז די תפילה פון תפילת הדרך. דער רמב"ם זאגט, דער רמב"ם פסק'נט – אונז וועלן עס באלד לערנען ווען מיר וועלן לערנען די שיעור אינעווייניג, ס'איז א שיינע סוגיא וואס ער רעדט דארט פון תפילת הדרך, וואס די גדר דערפון – אבער מיר זאגן דארט אזוי, מיר בעטן דעם אייבערשטן זאל אונז ראטעווען "מכף כל אויב ואורב בדרך", אדער אין אונזער נוסח זאגן מיר "אויב וארב וליסטים וחיות רעות".

איך האב אמאל געדרייווט, און אסאך מאל ווער איך אויך נכשל מיט דעם, דרייוון שנעלער ווי די געזעץ און אזוי ווייטער, און איך האב מיר געגעבן א כאפ אז איך בין די חיות רעות פון וועם איך בין מתפלל דער אייבערשטער זאל מיך ראטעווען. א שרעקליכע זאך ווען איך האב עס ריעלייזד. ווייל א מענטש איז די גרעסטע סכנה צו זיך אליין, ווייל ווען א מענטש, אויב חס ושלום איינער קלאפט איינעם אראפ, איז ער אומגליקליך פאר זיין לעבן. און ווער איז די חיות רעות דא? פון וועם דארף מען דא ווארענען? דער אייבערשטער זאל דיך ראטעווען פון דיך אליין. ס'איז א שרעקליכע זאך.

סאו, אויב מיר נעמען מער אריין תפילת הדרך אין אונזער לעבן, אויסער דעם וואס מיר וועלן מאכן פשוט מער ברכות און האבן די שמירה פון בעטן דעם אייבערשטן און דאנקען דעם אייבערשטן, וועט אונז אויך א גאנצע צייט דערמאנען די פשוט'ע זאך פון וואספארא אחריות מיר האבן ווען מיר זיצן ביי די רעדל, און אז אונז ווילן בשום אופן נישט זיין די חיות רעות קעגן וועמען מיר זענען מתפלל. דער אייבערשטער זאל אפהיטן אלע אידן.

צוריק צו אונזער קאמפיין. ברוך השם, אונז לערנען די שיעורים יעדן טאג. זייער שיינע שיעורים, זייער א יוניק שיעור. מיר לערנען א גאנצע פרק פון רמב"ם יעדן טאג. די לימוד הרמב"ם איז זייער געשמאק, מיר קענען אייביג אריינדזשאמפן אין די סוגיא. ס'איז נישט פשט אזוי ווי מיר האלטן אינמיטן א לאנגע פלפול, ס'איז זייער שווער זיך צו צו טשעפען צו א שיעור דף היומי סתם אזוי. אבער רמב"ם, יעדער פרק וואס מ'לערנט איז א הייליגע תורה פאר זיך, און מיר לערנען עס ברוב חברים, זייער א געשמאקע שיעור. שעירט עס מיט אנדערע.

אויסער דעם, מיין ידיד און מיין שותף ר' יצחק גיט ארויס נאך אסאך פארשידענע שיעורי תורה אין אלע מקצועות התורה. אין די טעג מאכט ער א קאמפיין פאר זיין בית המדרש, ער זאל קענען ממשיך זיין און מרבה זיין גבולו, יגדיל תורה ויאדיר. ווייל איך דערמאנען און מזכיר זיין לשבח די חשוב'ע נדבנים, די גרויסע אוהבי תורה ותומכיה, וואס ער איז דער שמן הטוב וואס זאפט אריין אין זיך אלע גוטע בשמים פון אלע חכמים און חכמי התורה מיט וועמען ער לערנט צוזאמען, אזוי ווי מיר האבן געלערנט אין די פריערדיגע פרק פון די רמב"ם. ר' יואל, און איך לאדן יעדן איינעם זאל זיין נכנס לחם ונושא בשמים, אריינוואקן אין די ריח טוב פון די אלע נהרות הפרצים פון תורה וואס ר' יצחק זיי טוען, און מ'זאל ווערן א חלק פון די קאמפיין, ווערן שותפים און מיט-לערנערס, און אשרי חלקכם.

**הלכה א: די קאטעגאריע פון "ברכות אחרות"**

זאגט דער רמב"ם, שוין. חוץ פון דעם וואס מיר האבן געלערנט ברכות, דער רמב"ם האט אונז שוין געלערנט ברכת המזון, ברכת הפירות, ברכות אחרות, און דברים שאין בהן פתיחה ולא חתימה האבן אויך חכמים מתקן געווען. נאך, ס'דא נאך ברכות אחרות מיינט נאך ברכות כפשוטו, אזוויי מ'זאגט "ברוך אתה ה'". ס'איז דא אויך, ער זאגט מיט אן אנדערע דריי, ס'איז דא נוסחאות פון תפילה אדער נוסחאות פון ברכה וואס ס'הייבט זיך נישט עקזעקטלי אן מיט "ברוך" און ענדיגט זיך מיט "ברוך", אזוויי מיר וועלן זען אין דעם פרק. למשל, טאקע תפילת הדרך, וואס מיר הייבן אן, לכל הפחות אונזער נוסח הייבן מיר אן "יהי רצון מלפניך", ס'ענדיגט זיך אבער מיט "ברוך". אונז ענדיגט זיך, און דער רמב"ם ענדיגט נישט זיך. און אנדערע זאכן, אזוויי בכניסתו לבית המדרש אומר, ס'איז נישט קיין... ס'איז א ברכה, אבער ס'שטייט נישט נוסח פון שם ומלכות. געוויסע האבן נישט שם ומלכות, געוויסע האבן אבער נישט בתורת ברכה.

איז חכמים האבן מתקן געווען **דרך שבח והודאה לקדוש ברוך הוא.**

**וואס מיינט "דרך שבח והודאה"?**

וואס טייטש די ווערטער "דרך שבח והודאה לקדוש ברוך הוא"? **כמו ברכות התפילה שכבר כתבנום, והן אלו.** לכאורה וואס דארף מען האבן אין נוסח ברכת התפילה? אז די ברכות... לאמיר זאגן אזוי, דער רמב"ם האט שוין אפאר מאל, ער וויל זאגן אזוי, לאמיר טרייען צו זאגן, מען דארף עס שרייבן פונקטליך די נוסח, אבער לכל הפחות וואס ער זאגט אזוי: מיר האבן שוין געלערנט צוויי, דריי, פיר אפשר מאל, אז די אנשי כנסת הגדולה תיקנו לישראל ברכות ותפילות, רייט? זיי האבן געמאכט תפילות, אונז רופן עס תפילות, אונז רופן עס תפילות שמונה עשרה, דאס איז אויך ברכות. מיר דארפן געדענקען, די רוב זאכן וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן געמאכט גייט מיט די נוסח פון ברכה, "ברוך אתה ה'", שמונה עשרה, ניינצן אכצן, איז זייער שבע, ברכות קריאת שמע, און אנדערע ברכות, קידוש, הבדלה, ברכות הנהנין, ברכת המזון, דאס איז אלעס זאכן וואס דער רמב"ם זאגט אז די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען די סארט זאכן.

יעצט, חוץ פון דעם, יעצט לייגט דער רמב"ם, ער גייט חוץ פון דעם, האבן די חכמים, ער זאגט נישט דא אנשי כנסת הגדולה, איך ווייס נישט פארוואס, ס'איז אינטערעסאנט, קען זיין אז ס'איז געווען שפעטערדיגע חכמים, איך ווייס נישט, האבן מתקן געווען נאך זאכן.

יעצט, ס'איז דא ברכת המזון וואס איז א מצוה אליינס, א מצוה דאורייתא ברכת המזון, און ער זאגט ברכות הנהנין איז א חיוב פון זיך אליין, מ'טאר נישט הנאה האבן פון די וועלט אן א ברכה. יעצט איז דא נאך ברכות וואס זיי זענען נישט קיין ברכת הנהנין, נישט קיין ברכת המצוות, ס'איז נישט קיין איסור הנאה, ס'איז נישט קיין חיוב, מ'טאר נישט קויפן א נייע זאך אן זאגן שהחיינו. ס'איז מער ענליך צו תפילה.

איך מיין אז "כעין ברכות התפילה" מיינט ער פשוט, אזוי ווי איך האב שוין געזאגט, אז די אנשי כנסת הגדולה האבן געמאכט תפילות, אבער אפשר מיינט ער אויך אז די ברכות זענען מער ענליך צו תפילה ווי זיי זענען ענליך צו ברכת הנהנין, וואס "דרך שבח והודאה" איז ער נישט אזוי ווי א ברכת הנהנין וואס איז כדי להודות לבורא עולם על זה ברוך הוא, וואס מיר האבן געלערנט.

לויט די ערשטע פשט אז ס'איז א זאך אז אויף יעדע זאך דארף מען מאכן די ברכה אויף די פרי, אויף די עסן, צו אלס תורת רשות, צו אלס מקדש זיין די אייבערשטנ'ס נאמען אויף די זאך, אויף די זאכן איז עס נישט אזוי שטארק שייך, יא? ווייל ס'איז די גאנצע הויז, אדער ס'איז א חבר, אדער ס'אי�� א שמועה, ס'איז נישט זאכן וואס מ'טשעפעט נישט יעצט צו "דרך שבח והודאה", מ'דאנקט די אייבערשטער, און נישט אייביג דאנקט מען די אייבערשטער אויף עפעס. זעסטו ביים דאווענען זאגן מיר, די ערשטע און די לעצטע דריי ברכות פון שמונה עשרה איז אויך דא ברכות. און די ברכות דארפן... ס'איז אינטערעסאנט, ווייל איך מיין אז די אלע וואס ער גייט ברענגען איז יא, האבן אלע פתיחה וחתימה. די וואס האבן נישט, די "יהי רצון"ס, זענען שוין באופן תפילה מער.

ס'איז דא, ס'איז דא, ס'איז דא. ס'איז אויך דא א יציאת בית המדרש איז א הודאה, אבער ס'איז דא א תפילה. אמת, דער רמב"ם רעדט נישט דערוועגן די זאך אז מ'זאל נעמען זיך בקשות. ברכות בקשות, יא, סוף פרק וועלן מיר זען אויך ברכות בקשות. אבער די ווארט איז, וואס די וויכטיגע זאך איז, און מ'דארף דאס געדענקען, אפשר וועלן מיר רעדן וועגן דעם מער באלד, ער

ברענגט דא אין דער זייט די ראב"ד, נישט דא אויפ'ן פלאץ, אין אנדערע פלעצער טענה'ט ער אז די אלע ברכות וואס מיר גייען לערנען זענען ברכות הרשות, נישט קיין חובה.

**שיטת הראב"ד: ברכות הרשות**

לכאורה, די מיינונג איז, מענטשן זענען אויך היינט שטארק מזלזל אין די אלע ברכות. כמעט קיינער מאכט נישט, חוץ פון געוויסע וואס מאכן זיך דיין האמת, שהחיינו. אויך דיין האמת איז נישט דא קיין שום ריזן מ'זאל נישט מאכן מיט שם ומלכות אויף יעדן איינעם. מ'פירט זיך נאר אויף ממש די קרובים מאכן דיין האמת מיט א ברכה, אבער קיינער אנדערש מאכט נישט. ס'איז נישט דא קיין שום ריזן אמת'דיג פאר דעם.

די ריזן, די הלכה'דיגע תירוץ אז מ'קען זיך אזוי פירן, איז די שיטת הראב"ד און די אנדערע ראשונים וואס טענה'ן אז ס'שטייט נישט אין די משנה "חייב". ס'איז נישט פשט אזוי ווי מיט עסן אן א ברכה איז מען עובר, איז מען א גוי, א איד טאר נישט עסן אן א ברכה. ס'איז נישט דא קיין אזא הלכה אז א איד טאר נישט אנטון א נייע בעקיטשה אן א שהחיינו. אזוי לערנען אסאך ראשונים.

**פארוואס כאפט מען נישט די ברכות? — ברכה אויף א געשעעניש, נישט אויף א חפץ**

ווען איך האב עס געלערנט האב איך געטראכט אביסל אנדערש. אונז האבן מיר פריער גערעדט וועגן הנאה וואס מוז, וועגן ביי ברכת הריח האבן מיר געהאט די שמועס. די פאר זאכן וואס מיר גייען דא זען איז בעיקר א ברכה נישט אויף א חפץ'דיגע זאך, נאר אויף א פילינג קען מען זאגן, אדער א געוויסע מצב רוח, וואס איז א געשעעניש. אה, א געשעעניש. סאו א געשעעניש איז זייער שווער מחייב צו זיין מענטשן, ווייל מ'מאכט די ברכה אויף די שמחה. למשל, הרואה את חבירו איז געוואלדיג פאר איינער וואס ווערט בשמחה ווען ער זעט זיין חבר און ס'איז טאקע א חבר. די ראב"ד'ס פשט איז אז ס'איז מער טובה, ס'איז טאקע פרייען, אדער זאגט די גמרא דארט, ער איז יעדע מאל מתרגש ווען ער זעט איינעם שטארבן. אפשר נאר ווען ער איז מתרגש. יעדער שטארבט מענטשן. לאמיר פארשטיין, לאמיר פארשטיין. דאס איז איין זאך. אבער ס'איז דא א געוויסע פילינג אויף וואס מ'מאכט די ברכה.

סאו, לאמיר אויספירן. וואס איך האב געוואלט ענדיגן ממש ביי דעם איז, דאס איז דער רמ"א זאגט אז ס'איז "כמו ברכת התפילה". ווען ער זאגט "כמו ברכת התפילה", האט ער געטוישט. ס'הייסט, ס'איז דא ברכות וואס זענען... די ריזן, איך מיין אז די אמת'ע ריזן, מיר זעט נישט אויס אז די ריזן... דאס איז א זאך וואס דו זאגסט, מ'וויל נישט אנקומען א ספק. אבער מיר זעט אויס אז די ריזן פארוואס מענטשן כאפן נישט צו מאכן די ברכה, ס'איז אסאך וויניגער ווי מ'פירט זיך אדער מ'פירט זיך נישט, ס'איז מער אז מ'כאפט נישט.

פארוואס כאפט מען נישט? אזוווי מ'האט גערעדט לעצטנס ביי די ריח. פאר סאם ריזן, ווען ס'קומט א הבדלה און מ'נעמט די בשמים אין די האנט, זאגט מען, אה, בורא מיני בשמים. אבער דו גייסט צו דיין געשעפט, אדער דו קומסט אהיים און דו קויפסט א פריש געבאקענע קאווע, נישט געבאקענע, אן אפגעברענטע קאווע וואס איז גערעוסט, ס'איז געהעריג מוגמר, ס'איז געהעריג... דו כאפסט פשוט נישט. אונז זענען צוגע... אונז איז טאקע אזוי אויסגעשעטלט די הלכה. ס'איז דא אן אכילה, דעמאלטס איז דא אויך א ברכת הריח, חוץ אויב ס'איז פטור בברכה.

דא איז די זאך, ס'קומט אריין א איד, מ'האט דיר פארציילט אז יענער איז געשטארבן, און דו כאפסט נישט אז חל עליך חובת ברכה. און ס'איז אמת, אפילו לויט דער רמב"ם וואס זאגט אז ס'איז א חובה, דער רמב"ם זאגט נישט אז ס'איז רשות, אפילו לויט דער רמב"ם וואס לערנט אז ס'איז ממש א חובה בתקנת חכמים, איז נישט פשט אז יעצט דארפסטו מברך זיין אויף די בשורה. ניין, ס'איז דא אזוי ווי ברכות, ס'איז דא באופן כללי א מענטש גייט שוין אדורך א ריח, אזוווי ביי שמונה עשרה זאגט מען תפילות פאר יעדע זאך אדורך, און דער אויבערשטער האט געמאכט א תקנה אז אין די

סיטואציעס מאכט מען די ספעציפישע ברכות. ס'איז א ברכה פאר'ן אייבערשטן.

**קעגן די דגוש אויף פילינגס: ברכה אויף א פאקט, נישט אויף א פילינג**

וועגן דעם, איך בין נישט מסכים מיט דאס וואס דו זאגסט און אסאך אחרונים זאגן, אז דאס איז א ברכה נאר אויב מ'פילט, אויב מ'פילט נישט בשמחה. ס'איז שטותים מיט לאקשן. די ברכה איז... נישט חס ושלום שטותים, ווייל גרויסע אידן זאגן דאס אויך, אבער מיר זעט אויס, און דו קענסט מיך שוין, איך בין אנטי די היינטיגע דגוש, אלעס איז וועגן די פילינג, מ'פילט יא, מ'פילט נישט. קיינער האט דיך נישט געפרעגט צו דו פילסט. א שמחה איז א פאקט, נישט קיין פילינג. א איד איז געשטארבן, איז דא א דבר עצוב. זאגט מען פאר'ן אייבערשטן, "דיין האמת", אונז גלייבן אז דו ווייסט וואס דו טוסט, אז דו האסט געהארגעט א איד, און אונז זענען נישט מחולק מיט דיר חס ושלום. די זעלבע זאך ביי א שמחה, אונז זאגן "שהחיינו". ס'מיינט נישט איך פיל, איך פיל נישט.

**פארגלייך צו ברכות השחר**

לאמיר דיר זאגן וואס איך קלער. די ברכות איז דא, זייער גרינג קאמפעירן צו די ברכות השחר. ווען מען טרעט אראפ זאגט מען, מלביש ערומים זאגט מען. דאס זענען אלעס מעשים וואס א מענטש טוט און ער דאנקט אויף דעם. און אינמיטן טאג, וואס טוט א מענטש? ער האט שוין געענדיגט צו בינדן זיין שיך, אבער ער גייט, ער טרעפט א חבר, ער זעט א פייער, ער הערט גוטע זאכן, שלעכטע זאכן. א גאנצע צייט מאכט ער ברכות. נאר ס'שטייט נישט אין גמרא ווייל דאס זענען זאכן געשעענישן, אמאל געשעט עס אפטער, אמאל וויניגער.

## ברכות אחרות: אריינגעמען דעם אייבערשטן אין אלע אספעקטן פון לעבן

**צוויי שיטות אין ברכות: געפיל קעגן דעת**

איך קען זאגן אז אויף זאכן וואס א מענטש טוט מיט די הענט, מאכט ער א ברכה אויף די זאך וואס ער טוט. אבער א גאנצן טאג, דו ווייסט, ס'איז דא געוויסע, א מענטש קומט אהיים, ער איז געווען צוועלף שעה, ער איז ארומגעגאנגען, ס'איז געשען אסאך גוטע געשעענישן און שלעכטע געשעענישן. אויף וואס איז שלעכט, וועט ער מאכן נדרים, ער וועט קלויבן די ברכה. אויף וואס איז פראקטיש, מעשים, קענסטו זאגן. אבער אויף געפילן...

איך זאג, דער מהלך, דער וואס זאגט נאר ווען מ'פילט, איז פשט אויף זאכן וואס באריערט דיך באמת. אבער ר' יצחק האט א שטארקע פוינט אויף פארקערט. דער ענין איז דאך, מ'זאל א גאנצע צייט דערמאנען דעם אייבערשטן, ס'זאל זיין א גאנצע צייט שבח והודאה, דרך שבח והודאה. איז פשט מער אזוווי די פשט, אזוווי יעדע זאך וואס דו טוסט, דערמאנסטו דעם אייבערשטן.

דו טוסט אן שיך, וואו קומט דא אריין דער אייבערשטער? ניין, דו ברענגסט אריין דעם אייבערשטן אין דיין לעבן. דער אייבערשטער האט דיר געמאכט די כח, די שכל פאר שיך, און פאר מ'זאל קענען מאכן ברויט פון ווייץ, מוציא לחם מן הארץ. די זעלבע זאך, ווען ס'געשעט סיי וואס, דו זעסט א חבר, ס'איז א שמחה, און ס'קען אפילו זיין לויט ר' אברהם, זענען די זאכן די גמרא'ס.

יעדן טאג, ר' יצחק גייט יעצט אנהייבן מיט זיין קאמפיין. יעדע מאל ער גייט אריינקומען צו איינעם, ער גייט אים זאגן, "איך געב דיר צוואנציק טויזנט דאלער פאר די קאמפיין." אבער זיי זאלן אים מאכן א ברכה. א הטוב והמטיב, א שהחיינו, א ברכת הראיה. זיי זאלן מאכן אויף א חבר טוב. אפילו איינער וואס מ'האט אים שוין געזען נעכטן, מ'האט אים געזען שלשום, אבער יעצט זעסטו אז ער איז דיין חבר. ס'איז דאך יעצט געווארן א התראה. פונקט איז געווארן א ראיה, ס'איז געווארן יעצט א ראיה.

אבער ער גייט צוריק צו די בעיסיקס, אז מ'זאל א גאנצע צייט אריינעמען דעם אייבערשטן אין די לעבן. ממילא האט עס נישט אזוי שטארק מיט די

פילינג.

**פארוואס מענטשן מאכן נישט ברכות ספאנטאן — די צענטראלע קשיא פון דעת**

אויך בין איך נישט מסכים אז מ'פילט נישט. אזוי ווי דו זאגסט, ווען איך עס א שטיקל קוגל, אויך פיל איך גארנישט. וואס פארא יאגט מען אים ער זאל מאכן א ברכה? און וואס איז די קשיא? א מענטש הערט די נייעס, דארף יעדע מינוט מאכן א ברכה. אקעי, און וואס איז שלעכט? וואס קען שוין זיין אז מ'זאל מאכן צוואנציק מאל א טאג די ברכה? דער רמב"ם ענדיגט מיט דעם, אז מ'זאל טאקע מאכן ברכות. דאס איז דער גאנצער געדאנק. **"חייב אדם לברך על כל שמועה טובה ורעה."**

אונז האבן א חבר, ר' ארי האלצמאן, ער פילט זיך זייער שטארק צו מאכן ברכת שהחיינו, הטוב והמטיב. ווען ער טרעפט מיך, מאכט ער א שהחיינו בשם ומלכות. איך מיין, ער קומט פון ארץ ישראל, סאו ער מאכט אסאך גלייך נאך שלשים יום. "ומנין הוא לו שיעשה כן?"

איך מיין, ס'קען אבער אויך זיין א געוויסע ענין אז אסאך שמועות טובות און שמועות רעות קומען אריין, און ס'איז נישטא דער עקזעקט מאמענט. א ראיית חבר טאקע איז יא. ברוך דיין האמת יא, ווען מ'הערט אויף א נאנטן. אבער אפילו ברוך דיין האמת זאגט מען געווענליך ביי די לויה, מ'רייסט קריעה. ס'איז אויך א קשיא, פארוואס פירט מען זיך אזוי?

איך מיין, ס'איז זייער נישט ספאנטעניעס. ווייל מ'האט אונז אויסגעלערנט אז קוגל איז מחייב א ברכה, אדער עסן איז מחייב א ברכה. אמת. ס'איז איינס פון די זאכן פארוואס אונז טוען דאס נישט ספאנטעניעס. ווייל מ'דארף האבן דעת. ס'איז נישט ספאנטעניעס.

א מענטש באקומט א שלעכטע דיאגנאזע, ס'זאל זיין אין זיין קאפ א דיין האמת. אמת. אבער אונז, מ'רייסט קריעה, דער שמש, ס'איז געווארן אזא... ס'איז זייער ענליך צו די ברכת אשר יצר וואס מ'זאגט אין בית המדרש. מ'זאגט עס נישט ווייל מ'וויל נישט ארויסגיין. ס'איז עפעס זייער מאדנע, און איך מיין אז ס'איז ווייל מ'האט נישט קיין שכל.

מ'דארף דאך האבן דעת. וואס מיינט דעת? דעת איז אן אקטיווע זאך, רייט? ער האט געדענקט, "אה, יעצט איז חל געווארן די חיוב פון דיין האמת, יעצט דארף מען זאגן דיין האמת." ס'איז שווער פאר מענטשן. איך מיין אז וועגן דעם איז דאס געווארן. ס'מאכט זייער א טיפע חילוק.

**דער אייבערשטער אין א היכל קעגן "בכל דרכיך דעהו"**

אויכעט, אז ווען א מענטש לעבט מיט אזוי ווי ער ברענגט אריין א גאנצע צייט דעם אייבערשטן אין נעטשור, ער טוט אן זיינע שיך און ער געדענקט אז ער מיט'ן אייבערשטן טוען אן שיך. ער האט באקומען, ער האט געמאכט א גוטע דיעל, די שידוך איז גוט, יא, די דיעל איז אדורך, דאנקט ער דעם אייבערשטן.

אבער יעצט, דער אייבערשטער איז אין בית המדרש. מ'האט געענדיגט אנטון די שיך, מ'האט געענדיגט גיין אין מקוה, מ'האט געענדיגט אלעס טון, מ'גייט אין בית המדרש, מ'דאנקט דעם אייבערשטן. מ'האט געענדיגט די גאנצע טאג ארבעטן, ביזי, מ'גייט מ'דאנקט דעם אייבערשטן אין בית המדרש. סאו, מ'האט ארויסגענומען דעם אייבערשטן פון זיין "בכל דרכיך דעהו והוא יישר אורחותיך".

**דרך פקודיך (בני יששכר) — ברכות אויף מער זאכן**

ווען מ'גייט אריין אין א פלאץ, מ'גייט אה, מ'זאגט א ברכה אויף די גוטע שמעק. די שאלה איז טאקע למשל, די דרך פקודיך, די הייליגע זיידע דער בני יששכר, ער רעדט עס אויך וועגן מ'זאל מאכן ברכות אויף אנדערע זאכן, אזוויי מצות עונה, אדער אויף א גוטע וועטער, אויף שיינע מראות שטייט טאקע, מ'זעט די ים וכו'. א גאנצע זאך, מ'זאל נישט איינשפארן דעם אייבערשטן אין א היכל. דער בעל עבודה איז דאך דער אייבערשטער אין א היכל.

דאס איז טאקע רבי אורי'ס, רבי אורי סטרעליסקער קהל, פאר דעם פירט ער זיך צוריקצוברענגען די אלע ברכות, ווייל מ'דארף געדענקען אז דער אייבערשטער, ווען א מענטש גייט אויף א... מיר האבן גערעדט אז ער גייט לקראת בואו מלך טריף, אז ס'איז געווען אמאל די מנהג, מ'גייט אין די זאא אדער אזוי ווייטער, מאכט מען א ברכה אויף יעדע שיינע זאך, עושה מעשה בראשית, שכוחו וגבורתו מלא עולם, משנה הבריות וכו'. דא איז די ספעציעלע ברכות, ברוך טובות ואילנות טובות.

**קריטיק אויף'ן מנהג פון שלעפן א טראק מיט א בוים**

די זעלבע זאך, און ס'איז אויך א מעמד, מ'געדענקט, ס'שלעפט ארום א טראק מיט א בוים אז מ'זאל קענען מאכן די ברכה. ס'מיינט נישט דאס. ווייל די כבוד האט איינער געמאכט די טראק. און איך האב דעמאלטס געשריבן, מורי ורבי ר' יחזקאל האט נאך געלעבט דעמאלטס, מורי ורבי ר' יחזקאל, איך האב אים געפרעגט, ער האט געזאגט ס'איז עפעס נישט, דו ווייסט, ס'איז נישט אזא גוטע זאך.

אבער ס'האט צוטון מיט די ענין, ווייל בריות טובות ואילנות טובות מיינט אז א מענטש זאל זיך נישט שעמען, ער זעט זייער א שיינע מענטש, זאל ער זיך נישט שעמען צו מאכן א ברכה. ער האט הנאה, ס'איז דאך אזוי שיין, ער זעט א שיינע יונגל. ביי אונז איז געווארן אינטו ווען מאכט מען, צו מ'מעג מאכן א מינוט נאך חודש ניסן, סאפערס מאכן די ברכה.

מיר זענען געווארן אוועקגערוקט פון נעטשור, מ'דארף אריינברענגען דעם אייבערשטן אין אונזער לעבן. "בכל דרכיך דעהו והוא יישר אורחותיך", מיט דעם ענדיגט דער רמב"ם. דער רמב"ם הייבט אן און ענדיגט מיט דעם אז מ'זאל... בכלל, אויב איינער פעלט למשל שבת מאה ברכות, זאל ער מאכן פאר זיך אן עצה, און ער עפנט די צייטונג און ער זעט דארט א שמועה טובה, מאכט ער "הטוב והמטיב". זעט ער א שמועה רעה, מאכט ער "דיין האמת".

שבת ליינט מען נישט די צייטונג, אה? ניין, ווייל שבת מאכט מען נישט "ברוך דיין האמת", און שבת טאר מען נישט הערן קיין שמועות רעות. ס'איז נישט דא קיין שמחה שבת. שבת איז יום הנזק. שבת איז יום הנזק, סאו מ'טאר נישט ליינען די צייטונג. אקעי, אמת, סתם אזוי, וואס איז מיט צער? אקעי, ועל מה אנו עומדים? שוין, ועל מה אנו עומדים? לאמיר הייבן דריי מאל אן אזוי.

**הלכה: הבונה בית חדש או הקונה כלים חדשים — שהחיינו**

**"הבונה בית חדש"**, איינער בויט א נייע הויז, **"או הקונה כלים חדשים"**, איינער קויפט נייע כלים, א נייע וועש, אדער סתם א נייע קאר, א נייע קאמפיוטער, א נייע אייפאון. זיי האבן זיך דערלויבט א נייע טעלעפאן. זייער גוט.

זיי האבן זיך דערלויבט א נייע טעלעפאן, אבער זיי האבן פארגעסן צו זאגן דעם עולם א הלכה, אז דער עולם פירט זיך צו אפגרעידן זייער פאון יעדע פאר יאר, און ווען מ'קויפט א נייע טעלעפאן איז מען מחויב מיט די רבנים צו מאכן א **"שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה"**. ס'איז ארויסגעקומען די נייע אייפאון. ס'קען זיין אפילו ווען איינער ווארט אז ס'זאל ארויסקומען די נייע, און ווען ער זעט עס קען ער שוין מאכן די ברכה, אזוי ווי אויף פירות.

**דיסקוסיע: שיעור פון שמחה און מנהג העולם**

יא, אבער אויף יעדע זאך. ס'איז דא פשרה מרובה אויף דעם. ער ברענגט אראפ אז ס'איז דא א מנהג וועגן דעם. פארוואס למעשה?

ניין, ניין, דער מנהג איז יא צו מאכן שהחיינו. ניין, דער מנהג איז, למשל, אונז זעען דאך יום טוב זאגט מען אז א נאכט ווען ס'איז נישט זיכער אז ער מאכט שהחיינו, קען ער מאכן א ברכת שהחיינו אויף די נייע מלבושים. מ'גייט אין נייע מלבושים.

ניין, ניין, ס'איז נישט קיין ספק אז דער מנהג איז אויף פירות. אבער אויך אויף נייע זאכן וואס מ'קויפט, מייניגער, ווייל ס'איז שווער צו וויסן די שיעור. ווייל מענטשן גייען אין שאפינג און מ'האלט אין איין ברענגען נייע זאכן. זאל מען מאכן יעדע טאג שהחיינו?

וואו שטייט אז ס'איז דא א שיעור? ס'שטייט נישט. ס'איז גענוג אז ס'איז דא א שמחה אז מ'מאכט די ברכה. ס'שטייט נישט אז מ'מאכט נישט. דו, דעם ביסל געדולד, וועסטו קוקן תירוצים פארוואס מענטשן ווידן. מער, מער, מ'איז מבטל די מנהג העולם.

אבער דו זעסט ווי דו זאגסט, מ'נוצט עס אפילו ווען מ'האט א ספק. זעסט ווי גרינג ס'איז? מ'האט א ספק, וואס איז די כיסוי? מ'ווייסט אז מ'קויפט א נייע שאל. לעצטנס האב איך געהערט אז דער רב זאל קויפן א נייע שאל. א נייע קאפל, קען מען מאכן א זיכערע ברכה.

ר' חיים קאניעווסקי זאגט אז א נייע זאקן קערט נישט, ער זאגט אז ס'גייט נישט צו אים, ס'הייסט נישט קיין נייע כלי דארט. אבער א נייע העמד אדער א נייע רעקל, זיכער אז מ'מאכט אויף דעם א ברכה.

**הלכה: ראיית חבר — שהחיינו און מחיה המתים**

איינער זעט זיין חבר נאך דרייסיג טעג וואס ער האט אים נישט געזען, מברך שהחיינו, ער פרייט זיך אז ער דערלעבט נאכאמאל צו זען זיין חבר. אויך קען מען זיך אריבערדרייען אין בית המדרש, און מענטשן פארן היינט אסאך, קען ער ארייננכאפן די ברכה שהחיינו.

**ואם ראהו לאחר שנים עשר חודש**, אויב האט ער אים געזען נאך צוועלף חדשים, מאכט מען נאך א שטערקערע אינטערעסאנטע ברכה: **ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם מחיה המתים**. ווייל נאך צוועלף חדשים איז א זמן וואס דער מענטש ווייסט שוין אפילו נישט אויב דער חבר וואס ער האט אים שוין לאנג נישט געזען, אפשר איז ער שוין געשטארבן בכלל.

**הלכה: הרואה פרי המתחדש משנה לשנה — שהחיינו**

**הרואה פרי המתחדש משנה לשנה**, ווען איינער זעט א פרי וואס ווערט מתחדש, דאס הייסט די פירות וואקסן און ווערן מתחדש משנה לשנה, ווען ער זעט די נייע פירות, מברך שהחיינו.

**קריטיק אויף ט"ו בשבט מנהג**

אויך דאס, איך מיין אז דאס וואס מ'פירט זיך היינט ביי ט"ו בשבט, אז מ'טרעפט עפעס א פרי, ס'איז נישט אויף דעם, נישט דאס מיינט עס. היינט איז די הלכה דאך, איך בין מסכים מיט די וואס מאכן עס נישט היינט, איך מאך עס כמעט נישט, ווייל ס'איז דאך דא אין די סטאר, אונז זענען דאך אזוי ווי אנטונינוס ורבי וואס האבן עס געזען א גאנץ יאר.

ס'איז דא וואס ווילן זאגן אז א מענטש, למשל, איך וועל טראכטן, אפשר היינט איז שוין מער, אבער דאך, ס'איז דא פירות וואס דו קענסט נישט טרעפן אין געשעפט נאר אפאר וואכן א יאר וואס מ'פארקויפט עס. דעמאלטס, וויבאלד ס'קומט, איז דא א שמחה, איז דא א שהחיינו. אבער דא גייסטו, ס'קאסט אפשר אביסל ביליגער, מער, ס'האט נישט קיין טעם.

**דער סאטמארער רב'ס ווערטל און די דיסקאנעקשאן פון נעטשור**

אבער איך וויל אויף דעם מוסיף זיין אזוי, מיין באבע, די רביצין פון מיין מאמע'ס מאמע, די לאנדסבערגער רביצין, איז געווען א זיסע אידענע, זי האט זייער געוואלט איינפלאנצן "סענס אוו הומאר". סאו זי האט אייביג א נייע חתונה האט זי געזאגט א דזשאוק, און זי האט געוואלט זען ווי שנעל יענער כאפט.

אז דער סאטמארער רב האט געזאגט, דער רבי זכרונו לברכה האט געזאגט, אז אין אמעריקע איז אלעס דא אויסער א פרה אדומה. פארוואס? ווייל ס'איז אלעס דא, ממילא איז אפילו נישטא קיין געלעגנהייט צו מאכן א פרה אדומה. ס'איז א גוט ווערטל, אבער איך טראכט פון די אנדערע זייט, אז די דיסקאנעקשאן איז עפעס אן אנדערע זאך. אז דער מענטש האט דא אויפ'ן טיש א ריזיגע טיש מיט פרוכט, און ער מאכט נאר א "חייב אני".

**ברכת שהחיינו, הטוב והמטיב, ודיין האמת**

**דיגרעסיע: שהחיינו אין אמעריקע — דער סאטמארער רב'ס געדאנק**

**Speaker 1:** זי האט זייער געוואלט איינפלאנצן סענס אוו הומאר. סאו, זי האט אייביג אין א נייע חתונה געזאגט א דזשאוק, און זי האט געוואלט זען ווי שנעל דער יעניגער כאפט.

דער סאטמארער רב האט געזאגט, דער רבי זכרונו לברכה האט געזאגט, אז אין אמעריקע איז אלעס דא אויסער א פערד פון שהחיינו. וואס איז די פשט? ווייל ס'איז אלעס דא, האט מען ניטאמאל די געלעגנהייט צו מאכן א פערד פון שהחיינו.

ס'גייט ווייטער. אבער איך טראכט פון די אנדערע זייט, אז די דיסקאנעקשאן איז עפעס אן אנדערע זאך. אז דער מענטש האט דא אויפן טיש א ריזיגע טיש מיט פרוכט, און ער מאכט נאר איין ברכה, בורא פרי העץ. ער ווייסט נישט אז מ'קען מאכן א בורא מיני בשמים, בורא ריח טוב בפירות, א שהחיינו אויך זאל מען ארייננכאפן, הטוב והמטיב אויף גאר א גוטע... ניין, הטוב והמטיב נאר אויב מ'ברענגט וויין, און נאך א בעסערע וויין.

אבער, רבותי, מ'קען דאך ביידעך בשעת'ן טיש מאכן אפאר ברכות וואס מ'געדענקט נישט אז מ'דארף מאכן. שהחיינו! מ'קען אפשר זיין פארקערט, אז מ'קען מאכן א גאנצע שהחיינו. יא, איין מאל א יאר מאכן מיר א שהחיינו אויף די פרוכט, ס'איז נישט קיין אפגעפרעגטע זאך. אקעי.

**הלכה ג: שמע שמועה טובה — מברך הטוב והמטיב; שמועה רעה — מברך דיין האמת**

**דער רמב"ם'ס לשון**

**Speaker 1:** שמע שמועה טובה. אויפן זען, יא? יא, ווייטער.

**שמע שמועה טובה מברך הטוב והמטיב... על שמועות רעות מברך ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם דיין האמת.**

**דיסקוסיע: וואס איז דער גדר פון "שמועה טובה"?**

**Speaker 1:** שמועה טובה מיינט נישט עפעס וועגן דיר, כביכול. שמועה טובה איז איינער וואס מאכט מיט דיר א געשעפט. ניין, עפעס וואס דו קעירסט וועגן, אבער א גוטע נייעס. גוטע נייעס? וואס איז די אינוואלוומענט? ס'איז גארנישט עפעס וועגן דיר? ער האט געהאט א בעיבי, ער זאל געווינען די עלעקשאן, ער האט געוואונען, מאכט ער הטוב והמטיב.

וואס איז די שאלה? שמועה טובה. מ'דארף טראכטן פונקטליך וואס די גדר איז פון שמועה טובה. ס'קען זיין אז ס'מיינט ווען דיין קרוב האט א שידוך געטון, און דו ביסט פרייליך. דו ביסט העפיסט צו בי, ווייל דיין געין האט געוואונען, ס'איז נישט קיין עכטע... איך ווייס נישט. מ'דארף טראכטן.

**Speaker 2:** דו האסט געוואלט פול געשען, איז דאך א טובה. וואס איז די שאלה נישט? איך וואלט נישט... איך פארשטיי נישט די פראבלעם. יעדע מאל ער בלעטערט נייעס, זאל ער זאגן א גאנצע צייט הטוב והמטיב?

**Speaker 1:** איך האב נישט געזאגט אזוי. איך האב דיר געפרעגט גוט. א מענטש פרעסט פאטעטא טשיפס, און ער מאכט אויף יעדע מילעכיגע דאמפלינג מאכט ער יעדע נייע פאטעטא טשיפס. ס'איז אן אנדערע מין זאך. ער מאכט זיך א ברכה אויף די עסן וואס ער עסט. די זעלבע זאך, ער מאכט א ברכה. אבער די ברכה איז נישט קיין...

אבער דאס איז נישט קיין ברכה פון הנאה האבן פון ליינען נייעס. ס'איז א ברכה אז דער אייבערשטער האט געמאכט דו זאלסט האבן הנאה פון טון גוטע זאכן.

**Speaker 2:** זייער גוט. איז דאס א גוטע זאך אז דער מעיאר פון יענע סיטי וואס דו קענסט נישט, און העפענס טו בי אז דו האסט געליינט אים זיין טוויט וועגן זיך? טו מיר א טובה, ווייטער, ווייטער.

**Speaker 1:** דאס איז א קשיא אויף די מענטש, פארוואס ליינט ער די מעשה? אבער אויב איינער ליינט א גוטע בשורה וואס מאכט אים פרייליך...

**Speaker 2:** איך פארשטיי נישט. זאג מיר, אין די הייליגע רמב"ם שטייט נישט די זאך. פון וואו דו פילסט, שטייט נישט. די הארץ דארף נישט פילן.

**Speaker 1:** דאס איז א שמועה טובה. זאג איך אז אויב איינער מאכט א צייטונג, און האלב צייטונג גייט שטיין גוטע נייעס און איין זייט גייט שטיין

שלעכטע, קען מען בלעטערן און האלטן אין איין זאגן "ברוך הטוב והמטיב", און א גאנצע צייט זאגן "דיין האמת".

**Speaker 2:** פארוואס נישט?

**Speaker 1:** ווייל ער הערט גארנישט, ער ליינט נישט. ער בלעטערט, ער בלעטערט א צייטונג.

**Speaker 2:** וואס הייסט שמועה רעה? ס'מיינט אז ס'איז עפעס נוגע פאר אים. זיין מומע איז געשטארבן, זיין שכן האט פארלוירן. ער איז נוגע.

**Speaker 1:** ס'איז געווען אן עכטע געשלעכטע הלכה. איך האב צוגעלייגט א הלכה וואס שטייט נישט אין די רמב"ם. איך ווייס, אפשר אין די שפעטערדיגע פוסקים שטייט עס.

**Speaker 2:** זיי זענען אים געווען נישט די גדר. אבער דו גייסט מיר זאגן...

**Speaker 1:** ס'איז נישט קיין גדר. שמועה טובה לזונו. א מענטש קען 24 שעה א טאג מאכן "הטוב והמטיב" און "דיין האמת". נישט נאר דאס, ער קען מאכן 24 שעה א טאג שלום עליכם, שלום עליכם. אמת, אמת, אמת.

די ניו יארק טיימס האט דאך יעדן טאג א ליסט פון ווער ס'איז נעכטן געשטארבן אויף די וועבסייט. יעדן טאג האט ער דא געגוג אנצופילן א גאנצע טאג. פארוואס נישט? אה, נישט, דו פארשטייסט אז ס'איז א ווייסט און טיים. אבער פארוואס קוקסטו דאס? איך קוק נישט יענע וועבסייט, איך קוק נאר ווען ס'איז מיר נוגע.

**Speaker 2:** אבער, ר' יצחק, איך מיין דו ביסט מפריז. איך מיין נישט ווען איינער ליינט א צייטונג. איך מיין ווען איינער הערט א בשורה וואס...

### דער טייטש פון "שמועה" און "טובה לו"

**Speaker 1:** איך וויל פארשטיין די ווארט. די טייטש פון שמועה איז א נייעס, עברי טייטש. און שמועה טובה מיינט א גוטע נייעס, און שמועה רעה מיינט א שלעכטע נייעס. איך זע נישט פארוואס ער זאל נישט מאכן אויף עפעס וואס איז א טובה אדער א רעה פאר די מענטש.

א מענטש האט נישט קיין געלט אין די סטאק מארקעט, יעדע מינוט קען ער מאכן א ברכה לויט ווי ס'איז ארויפגעגאנגען און אראפגעגאנגען. טו מיר א טובה, ווייטער.

**Speaker 2:** פארוואס נישט?

**Speaker 1:** ווייל ס'איז נישט קיין טובה און ס'איז נישט קיין רעה. דער מענטש טוט גארנישט יעצט בכלל. ער טוט גארנישט. ער ליינט סתם "לישב בדד וידום" ביז ער טרעפט עפעס א גוטע זאך.

**Speaker 2:** טובה מיינט טובה לו. מ'גייט באלד זען די הלכה. טובה מיינט נישט...

**Speaker 1:** טובה לו, דאס וועלן מיר יעצט וויסן די גדר. און איך ווייס נאכנישט די גדר. איך ווייס נישט ווייטער. איך ווייס נישט.

א גוטע נייעס מיינט... אויף א שלעכטע נייעס מאכט מען א ברכה "דיין האמת". אויף א גוטע נייעס, א גוטע בשורה, א שמועה טובה, זאגט די משנה **"על בשורות טובות אומר הטוב והמטיב"**.

### דער רמב"ם'ס שינוי לשון: "שמועה טובה" אנשטאט "בשורות טובות"

פארוואס האט דער רמב"ם געטוישט די ווערטער פון די משנה? די משנה זאגט "בשורות טובות", דער רמב"ם זאגט "שמועה טובה". איך זאג דאך אויף אידיש הייסט עס נייעס, אויף לשון הקודש הייסט עס שמועה טובה.

וואס איז א שמועה טובה? גוטע נייעס. דיין זון'ס מלמד האט דיך גערופן אז דיין זון איז גוט, מאך א ברכה. דער דאקטאר האט דיך גערופן אז די טעסט איז צוריקגעקומען פאזיטיוו, מאך א ברכה. דו האסט געהערט אז דיין רבי האט אנגעפילט זיינע פארענטשעס, און איינער האט אמאל געזאגט אז דו רופסט זיך פאפא בני ברק תל אביב, וועסטו אפשר יא מאכן א ברכה "הטוב והמטיב" ווייל ס'איז א שמועה טובה.

אבער ס'איז נישט קיין שמועה טובה און נישט קיין שמועה רעה. מענטשן האבן א נטיה, ווער ס'האט געוואונען די מלחמה אין עפעס א ווייטע לאנד, גייט ער יעצט מאכן א ברכה "הטוב והמטיב" ווייל זיין טיעם האט געוואונען.

איך זאג דיר פארוואס נישט: דו דארפסט אויך וויסן אז דער עיקר דא איז נישט דו, דער עיקר דא איז דער אייבערשטער. דער אייבערשטער האט אויך הנאה געהאט, אקעי, אבער ס'איז נישט א מאורע וואס איז געשען צו דיר. ס'שטייט נישט אין רמב"ם אז ס'מוז אנגיין צו דיר. ס'שטייט נישט. מיר וועלן באלד זען בפירוש אין הלכה אז ס'איז דא פילע זאכן וואס ס'גייט נישט אן צו דיר און דו זאגסט א ברכה.

אבער דער רמב"ם זאגט "שמועה טובה", גוטע נייעס, און "שמועה רעה", שלעכטע נייעס. גייען מיר ווייטער.

### וחייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה

**Speaker 1: וחייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה.** אויף שלעכטע נייעס זאגט מען, יא, זיי האלטן נאך אינמיטן סימן ג', יא, **על שמועות רעות מברך ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם דיין האמת.**

א מינוט, אבער קודם לאמיר צוריקגיין צו "הטוב והמטיב", ווייל דער אייבערשטער איז גוט און ער טוט גוטע זאכן. ס'איז אינטערעסאנט, דאס זאל די ברכה מאכן איז דא א צווייטע וויין. ס'איז אינטערעסאנט וואס איז די קשר צו די צווייטע זאך. אויך איז א גוטע זאך.

זאגט דער רמב"ם ווייטער. יעצט, בשעת מ'מאכט די ברכה על הרעה, דארפסטו וויסן אז ספעציעל דא איז דא א דין פון פילינג, אקעי?

### דער רמב"ם'ס לשון: בטובת נפש

זאגט דער רמב"ם, ער האט יעצט געזאגט אז ווען מ'הערט א שלעכטע שמועה, למשל אז א מענטש האט געהאט א גרויסע הפסד אדער אן עכטע שלעכטע שמועה, גייט ער טאקע געבן א מורמל די ברכה, אבער ער גייט עס נישט זאגן מיט קיין שום הארץ.

זאגט דער רמב"ם, **וחייב אדם לברך על הרעה.** א מענטש דארף מאכן די ברכה אויך על הרעה, אויך ווען מ'מאכט די ברכה דיין האמת, אז איך טראסט דעם אייבערשטן אז ער איז דיין האמת, כביכול מ'איז מצדיק די דין אויף די שלעכטע זאך וואס איז געשען, דארף מען עס טון **בטובת נפש**, מיט א גוטע נפש. א יוניק לשון וואס דער רמב"ם זאגט, לאמיר ענדיגן קודם די שטיקל וועלן מיר אריינגיין אין די דיטעילס פון ווערטער.

דו זאלסט מאכן די ברכה בטובת נפש, מיט א גוטע געשמאק, **כדרך שמברך על הטוב בשמחה.** אזוי ווי אויף א שמועה טובה, אז ס'איז געשען א גוטע זאך, מאכסטו די ברכה בשמחה, זאל מען אויך די ברכה על הרעה טון בטובת נפש.

### דער מקור: ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך

**שנאמר, ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך.** דו זאלסט ליב האבן דעם אייבערשטן מיט דיין גאנצע הארץ, און דיין גאנצע נפש, און דיין גאנצע מאוד.

טייטשט דער רמב"ם, **בכלל אהבה זו היתירה**, דאס טייטשט, ואהבת את ה' אלקיך זאגט אז מ'זאל ליב האבן דעם אייבערשטן א גרויסע אהבה, וואס איז בכל לבבך, בכל נפשך, זייער א גרויסע אהבה. און אין די א גרויסע אהבה וואס דער אייבערשטער האט אונז מצווה געווען איז אינקלודעד **שאפילו בעת שייצר לו**, אפילו ווען ס'טוט אים ווי, דער אייבערשטער האט אים ווי געטון, יצר לו אדער שיצר לו, יא, ווען דער אייבערשטער האט אים ווי געטון, יא, כביכול מעשים וואס דער אייבערשטער האט אים ווי געטון, **יודה וישבח בשמחה**, זאל ער ווייטער זיין מודה און משבח בשמחה.

### דיסקוסיע: בטובת נפש און בשמחה — די גמרא'ס לשון

**Speaker 2:** יא, ממש בשמחה. קודם זאגט ער בטובת נפש, אבער די לשון בשמחה איז א לשון הגמרא. די גמרא זאגט אז די נפקא מינה פון לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה, זאגט די גמרא, די נפקא מינה איז אז דו

זאלסט עס טון בשמחה. ס'איז דא א מפורש'ע גמרא אין די משנה, לקבלם בשמחה, יא? יא? און די משנה...

**Speaker 1:** ער ברענגט נישט מיט די לשון הגמרא? די משנה זאגט שוין די זאך אז ס'איז... אז ס'איז... וועגן די פסוק "ואהבת את ה' אלקיך בכל מאדך". די גמרא זאגט אויף "בכל מאדך" - בכל מדה ומדה. די משנה זאגט אזוי, אזוי האט דער רמב"ם איבערגעטייטשט אביסל... אין די משנה שטייט - ער ברענגט נישט די לשון - אין די משנה שטייט... אין די משנה שטייט... נו...

**Speaker 2:** יא, אזוי ווי דו זאגסט, די משנה ברענגט א גאנצע דרשה: **"חייב אדם לברך על הרעה כשם שהוא מברך על הטובה"**, אזוי ווי ס'שטייט **"ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך"**, און די משנה זאגט **"בכל מאדך" - בכל מדה ומדה שהוא מודד לך.**

#### דער רמב"ם'ס איבערטייטש פון "בכל מאדך"

**Speaker 1:** און דער רמב"ם האט איבערגעטייטשט אביסל. דער רמב"ם האט נישט געברענגט די דרשה אזוי ווי ס'שטייט אין די משנה, אז "מאדך" איז א רמז'ל, "מאדך" מיינט געלט. ניין, ניין, ניין, "מאדך" מיינט נישט געלט.

דער רמב"ם טייטשט אזוי: דער רמב"ם טייטשט איבער די דרשה פון די משנה. אנשטאט פון מאכן די שיינע מליצה וואס די משנה האט געמאכט, **"בכל מדה ומדה שהוא מודד לך, הוי מודה"**, די משנה מאכט א מליצה, "בכל מדה שהוא מודד", הוי מודה. ס'איז דריי ווערטער וואס זענען ענליך צו "מאד", האט די משנה געמאכט א דרשה'לע.

דער רמב"ם האט עס איבערגעטייטשט אביסל מער אן די סארט מליצה, און ער האט געשריבן "מאדך" טייטש **אהבה יתירה**, זייער אסאך, כפשוטו של מקרא, "מאדך" - זייער אסאך. יא, מאוד מאוד מאוד. ער טייטשט אז מ'דארף זייער ליב האבן דעם אייבערשטן.

וואס איז זייער? נארמאל ליב האבן דעם אייבערשטן איז ווען ער גיט מיר גוט. "מאוד" - אפילו ווען ער גיט מיר שלעכט, דאנק איך, בין איך אומר "שבחך בשמחה".

#### דער עיקר פון די שמחה

די פשטות וואס שטייט דא איז אז די שמחה איז אז דער אייבערשטער איז משובח, דער אייבערשטער ווערט גרויס, ממילא דאס טוט ער דאך אלץ בשמחה. דאס איז די פשוט'ע טייטש וואס דער רמב"ם זאגט דא.

**Speaker 2:** איך האב געמיינט אז די אהבה יתירה איז די עצם זאך אז מ'זאל ליב האבן בכל לבב ובכל נפש. לאו דווקא דאס ווארט "מאוד" אז ס'מיינט מאוד מאוד, נאר ס'קען אויך מיינען געלט. אבער די תורה, וויבאלד דער אייבערשטער זאגט "ואהבת את ה' אלקיך", זאגט ער אז מ'זאל אים ליב האבן.

#### "מאוד" — געלט אדער כפשוטו?

**Speaker 1:** "מאוד" געלט איז אויך א דרשה. דער רמב"ם ברענגט א פסוק און ער מיינט די פשוט'ע פשט, נישט אז ס'זאל מיינען געלט. "מאוד" איז נישט קיין פשוט'ע טייטש, ניין? ס'איז נישט די לשון הקודש'דיגע ווארט פאר "מאוד". "מאוד" מיינט נישט געלט. ניין, איך ווייס נישט. איך מיין עס איז א דזשול.

### ברכות אחרות — הלכה ב: ברכה אויף טובה און רעה

#### הלכה ב (המשך) — "שאין מברכין על העתיד להיות אלא על מה שאירע עתה"

דאס איז די פשוט'ע טייטש פון וואס דער רמב"ם זאגט דא.

#### דיסקוסיע: וואס מיינט "בכל מאדך" — פשט אדער דרשה?

ס'איז אינטערעסאנט, איך האב געמיינט אז די אהבה יתירה איז די עצם זאך, אז ער זאל ליב האבן בכל לבב ובכל נפש. לאו דווקא די ווארט מאד, אז עס מיינט מאד מאד, נאר עס קען מיינען געלט. עס איז א דרשה פון "מאדך ושמך אחד", ער זאגט אז עס איז א גרויסע מדה. "מאד" איז געלט איז אויך א דרשה, לאו דווקא. דער רמב"ם ווען ער זאגט א פסוק מיינט ער פשוט פשט. ער זאגט נישט אז עס זאל מיינען געלט. "מאד" איז נישט קיין פשוט'ע טייטש. ניין, ס'איז נישט. אין לשון הקודש זעט מען נישט "מאד" זאל מיינען געלט. איך ווייס נישט, איך מיין אז ס'איז א דרשה.

#### וואס מיינט "אהבה יתירה" — דיין האמת אפילו ביי רעה

בכלל, אהבה יתירה, יא, זייער גוט. וואס איז די טייטש פון דעם רמב"ם? איך זאג דיר, פשוט טייטש איז דא אז ער לויבט דעם אייבערשטן. ער זאגט, "יא, איך האב נאך צרות, אבער דער אייבערשטער איז דאך אלץ גרויס, און דער אייבערשטער איז גערעכט." און ער פרייט זיך מיט דעם וואס דער אייבערשטער איז גערעכט. נישט אז ער לויבט, "שכוח פאר'ן דאס טון." לויבן מיינט נישט שכוח. ניין, אבער ער איז מודה. ער איז מודה מיט די זעלבע חיות, מיט די זעלבע געשמאק וואס ער זאגט אז דער אייבערשטער האט אים געגעבן א טובה. ער זאגט נישט אז ס'איז גוט. דאס איז די איבעריגע טייטש וואס שטייט דא.

#### פירוש המשנה אין ברכות — א פארגלייך

אין פירוש המשנה אין ברכות זאגט דער רמב"ם אביסל אן אנדערע טייטש. איך ווייס נישט אויב ס'שטימט אינגאנצן מיט וואס ס'שטייט דא. דארט טייטשט ער אז ווער ס'איז קלוג — איך ברענג נישט דא די לשון די פשטות — אז ווער ס'איז קלוג ווייסט, אבער ס'שטימט נישט אזוי גוט מיט וואס ס'שטייט דא די נעקסטע, אפשר וועגן דעם ברענגט ער עס נישט דא די זעלבע. אז ווער ס'איז קלוג ווייסט אז אסאך מאל א גוטע זאך צום סוף איז א שלעכטע זאך, און אסאך מאל א שלעכטע זאך איז א גוטע זאך. א מענטש זאל נישט ווערן פארלוירן פון איין גוטע זאך. סאו די נעקסטע שטיקל גייט אביסל מסביר זיין וואס דא רעדט. ניין, אבער די נעקסטע שטיקל שטימט נישט צו מיט דעם. וועגן דעם זאג איך נישט דעם.

#### דער רמב"ם'ס ווערטער: ברכה אויף דעם פרעזענט, נישט אויף די צוקונפט

בכלל, ס'איז אביסל שווער, ווייל למשל, ווען א מענטש איז מודה בשמחה אז דער אייבערשטער איז דיין האמת, און די זאך און וואס דער אייבערשטער האט געטון איז מיט יושר און צדק, וואס זאגט ער? ער זאגט אז איך בין מודה אז ס'איז געווען א פורעניות, אדער אז אפשר גייט פון דעם ארויסקומען א טובה, אדער איינס פון די צוויי. סאו ס'איז יא קאנעקטעד מיט דעם וואס ער זאגט.

זאגט דער רמב"ם, **הגיע אליו טובה**, ס'איז געקומען צו אים א גוטע זאך, **או שמע שמועה טובה**, ער האט געהערט א גוטע זאך, **אף על פי שהדברים מרמזים שהטובה הזו תגרום לו רעה**, אפילו אז די שמועה טובה ברענגט מיט זיך אזא פחד אז דאס ברענגט נאך זיך נאך רעה. ס'זעט אויס אז מ'צאלט דערפאר א פרייז. רייט, ס'איז געלונגען, אבער... לאמיר זאגן, איינער האט געמאכט געלט אזוי וואס קען זיין אז די רעגירונג גייט אים כאפן פאר דעם, לאמיר זאגן א דוגמא. אפשר אז די טובה קען ברענגען א רעה. אפשר דער מענטש האט יעצט אזוי, ער האט ביידע, ער איז פרייליך פאר די טובה אבער ער איז אביסל באזארגט, ער איז באזארגט, זאגט ער הטוב והמטיב, ווייל די עיקר זאך וואס איז געשען איז געווען טוב.

**נגע אליו רעה**, ס'איז אנגעקומען צו אים א שלעכטס, **אדער ער האט געהערט א שמועה רעה, אף על פי שהדברים מרמזים שהרעה זו גורמת לו טובה**, וואס פון דעם גייט ארויסקומען א טובה, **ברוך דיין האמת**. זאגט דער רמב"ם, **שאין מברכין על העתיד להיות אלא על מה שאירע עתה**. מ'זאגט נישט א ברכה אויף עפעס וואס קען ארויסקומען פון דעם אדער עפעס וואס גייט ארויסקומען פון דעם, נאר אויף וואס ס'איז געשען.

#### די פסיכאלאגישע גאונות פון דעם רמב"ם — פאקוס אויף דעם פרעזענט

מ'דארף אנקוקן א זאך, א מענטש קען נישט... דער רמב"ם זאגט א ביוטיפול זאך, א מענטש קען נישט אזוי ווי זיין אין זיין קאפ און זיין אין חשבונות. קוקן אויף די פרעזענט, אויב די זאך וואס איז געשען ווערט אנגערופן טובה, אבסלוטלי איז עס א טובה, ווייל מ'רופט עס שמועה טובה, ס'ווערט

קעטעגארייזד אלס טובה, וואטעווער מחשבות דו האסט אין דיין קאפ, לייגסטו אוועק און דו זאגסט הטוב והמטיב.

און די זעלבע זאך פארקערט. דיין האמת איז פשט נישט אז דער אייבערשטער האט מיר געטון א טובה, ווייל דעמאלטס זאגט מען נישט קיין ברכה אויף א טובה. נאר דיין האמת זאגט, דער אייבערשטער איז דיין האמת אפילו ער האט מיר נישט געטון א טובה, אפילו ס'איז א שלעכטע זאך, אבער דאך איז ער אמת. יא, הטוב והמטיב איז פשט ער האט געטון צו מיר גוט. דא האט ער געטון עפעס, ער האט געטון צו מיר שלעכט, ער האט געטון רעה, אבער מבחינתו איז דאס אמת, נישט טוב אבער ס'איז אמת. ער איז גערעכט. די עיקר זאך איז אז דער אייבערשטער איז גערעכט. ער איז גערעכט, ס'איז נישט טוב אבער ס'איז אמת. יא, דער אייבערשטער איז גערעכט, דיין האמת, ער הרג'עט נישט מענטשן, ער טוט נישט אפ פאר איינעם וואס ס'קומט זיך נישט. דאס איז די מינינג.

**קלארן אויס קאנפיוזשן — לעבן מיט דעם פרעזענט**

אויך פאר די זעלבע סיבה זאל נישט א מענטש זאגן הטוב והמטיב ווען ס'איז געשען א שלעכטע זאך, ווייל איך ווייס אז פון דעם גייט ארויסקומען טובה. דאס איז דער רמב"ם. אפילו דו ווייסט, אפילו נישט נאר דאס, אפילו די גמרא רעדט פון אזא זאך, די גמרא וועט דאס דערמאנען. ער ווייסט, ער איז נאך פאר מציאות, ער ווייסט אבער די מציאות גייט עס קומען אוועק. איך ווייס נישט, מען מאכט א ברכה, אז יעצט, אפילו דא לערנט מען אויך לשיטתי אז מענטשן זענען דא חושש, ס'איז נישט בשלימות. דו דענקסט אז מ'האט געזאגט, איינער איז געווען קראנק, ער איז געזונט געווארן אביסל, קענסטו שוין מאכן הגומל? אפשר איז ער צוריק קראנק געווארן. די הלכה איז, א ברכה קודם כל אויף דעם וואס איך האב היינט נישט געווארן צוריק געזונט, קומט שוין א ברכה. אויב מארגן וועט ער שטארבן, וועט ער מאכן דעמאלטס דיין האמת. מען קען מאכן אויף די זעלבע מאורע משמש ובא א באנטש ברכות. סתם דיין האמת, הטוב והמטיב, לאמיר גיין. איך האלט נאך אלץ נישט דא אפשר דיין האמת. הגומל שטייט נישט דא. אבער באלד וועלן מיר זען אז הגומל איז אפשר אביסל אנדערש. אבער די נקודה פון הטוב והמטיב און דיין האמת, אז ס'קען דאך זיין איינער אין די זעלבע דיעל האט ער פופציק מאל א שמועה טובה און א שמועה רעה, און אויף יעדע מאל מאכט ער עקסטער א ברכה. די ברכה קומט אויף דעם וואס איך בין יעצט צופרידן, לויב איך דעם אייבערשטן. ס'מיינט נישט אז איך האב יעצט גע'פסק'נט אז די... יא, איינער זאגט, ער האט געהערט אז ארץ ישראל האט געהארג��ט די מלך פון איראן. איז א שמועה טובה, מאכט מען א ברכה הטוב והמטיב. איי, מארגן וועט דאס גורם זיין אז ס'וועט קומען א שלעכטערע. אקעי, מארגן מאכט מען דיין האמת.

**די גאונות פון דעם — קלארן אויס "מיקסד בעג" סיטואציעס**

